42 און זיינע מלאָכים! וואָרום איך בין געוועזן הונגעריק,
און איר האָט מיר נישט געגעבן צו עסן; איך בין
געוועזן דורשטיק, און איר האָט מיר נישט געגעבן
43 צו טרינקען; אַן אורח בין איך געווען, און איר האָט
מיך נישט אַריינגענומען; נאַקעט, און איר האָט מיך
נישט באַקליידט; קראַנק און אין תפיסה, און איר
44 האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר. דאַן וועלן
אויך זיי ענטפערן, אַזוי צו זאָגן: האַר, ווען האָבן
מיר דיך געזעען הונגעריק אָדער דורשטיק אָדער
אַן אורח אָדער נאַקעט אָדער קראַנק אָדער אין
45 תפיסה, און האָבן דיך נישט באַדינט? דעמלט וועט
ער זיי ענטפערן, אַזוי צו זאָגן: אויף וויפל איר
האָט עס נישט געטון צו איינעם פון די דאָזיקע
קלענסטע, האָט איר עס אויך נישט געטון צו מיר!
46 און די דאָזיקע וועלן אַוועקגיין צו אייביקער שטראָף;
די צדיקים אָבער—צום אייביקן לעבן.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

1 און עס איז געשען, ווען ישוע האָט געענדיקט
אַלע די דאָזיקע ווערטער, האָט ער געזאָגט צו
2 זיינע תלמידים: איר ווייסט, אַז אין צוויי טעג אַרום
איז פּסח, און דער בן־אדם ווערט איבערגעגעבן
3 געקרייציקט צו ווערן. דעמלט האָבן זיך פאַרזאַמלט
די הויפּט־כהנים, און די זקנים פון פאָלק, אין דעם
הויף פון דעם כהן־גדול, וואָס האָט געהייסן קיפא;
4 און זיי האָבן זיך באַראָטן, כדי צו כאַפּן ישוען מיט
5 כיטרעקייט, און אים צו טייטן. נאָר, האָבן זיי געזאָגט:
נישט יום־טוב, כדי עס זאָל נישט ווערן קיין מהומה
צווישן דעם פאָלק.
6 און בשעת ישוע איז געווען אין בית־היני אין